



אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת ויקרא תשפ"ה

גליון 410


## אמרות שמשון

### חשיבות פון די דיבורים פון משה רבינו

**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר** (א, א). עס שטייט אין 'מדרש' (ויקרא א, ו) אז עס האט געבאדערט פאר משה רבינו אז גאנץ כלל ישראל האט געברענגט נדבות פארן משכן און ער אליינס האט גארנישט געברענגט. האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה רבינו: **'חייך שדיבורך חביב עלי יותר מן הכל, שמכולן לא קרא הדיבור אלא למשה, ויקרא אל משה'**. דיין רעדן - פון דיר משה - איז חשוב'ער פאר מיר, מער פון אלע נדבות פון כלל ישראל, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'ויקרא אל משה'.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, פון וועלכע דיבורים פון משה רעדט דער אויבערשטער? אזוי אויך דארף מען פארשטיין, דער מדרש ברענגט דער פסוק 'ויקרא אל משה' וואס דער אויבערשטער האט גערעדט 'צו' משה, ווי אזוי זעט מען פון דעם אז די רעדן 'פון' משה איז חשוב פארן אויבערשטער?

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין 'מדרש' (במדבר רבה יב, ט), אז משה רבינו האט זיך איבערגעגעבן מיט זיין גאנצע כח צו ווייזן פאר די חכמים וואס האבן געבויעט די משכן פונקטליך וואס צו טון און ווי אזוי עס צו מאכן, כדי זיי זאלן טון גענוי וואס דער אויבערשטער האט באפוילן.

**דאס** האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה רבינו, דיין רעדן צו די חכמים וואס האבן געבויעט די משכן איז חשוב'ער פון אלעס. אזוי ווי עס שטייט אין 'חז"ל' (בבא בתרא ט.) **גדול המעשה יותר מן העושה**, די מעשה וואס איז געטון געווארן לויט דיינע דיבורים און אנווייזונגען, איז חשוב'ער פון די וואס האבן דאס געבויעט.

**און** אלס שכר 'מדה כנגד מדה' (ווייל ער האט זיך איבערגעגעבן מיט זיין גאנצע כח צו רעדן צו די וואס האבן געבויעט די משכן), האט משה רבינו זוכה געווען אז דער אויבערשטער זאל רופן און רעדן צו אים אינעם משכן וואס ער האט געמאכט, אזוי ווי די תורה הייבט אן: **וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר**. (אות א')


זרע שמשון
המבואר
על חמש המגילות

לקראת פסח
לומדים
שיר השירים
המבואר



תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!

02-80-80-500
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.


### מען טאר זיך נישט פארלאזן אויף זכותים

**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר** (א, א). עס שטייט אין מדרש (ויקרא א, טו), א תלמיד חכם וואס האט נישט קיין שכל איז ערגער פון א שטיקל נבילה. מען לערנט דאס ארויס פון משה רבינו, אז טראץ וואס ער איז געווען זייער גרויס מיט חכמה און נבואה, איז ער נישט אריין אין אהל מועד ביז דער אויבערשטער האט אים גערופן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה**.

**לכאורה** איז זייער שווער, ווי אזוי פארשטייט מען אזא זאך, אז א נבילה זאל זיין בעסער פון א מענטש, בפרט פון א תלמיד חכם וואס לערנט תורה? און ווי אזוי לערנט מען עס ארויס פון משה רבינו?

**מען** קען ערקלערן, דאס גייט ארויף אויף א תלמיד חכם וואס פארשטייט מיט זיין תורה און חכמה אז דער אויבערשטער פירט די גאנצע וועלט, אבער ער דאווענט נישט צום באשעפער ער זאל אים העלפן, נאר פארלאזט זיך אויף די זכות פון זיין תורה און חכמה אז דער אויבערשטער וועט אים שוין העלפן. דאס מיינט, אז ער האט נישט קיין דעת צו דאווענען און בעטן אפילו אויב ער האט די זכות התורה.

**אויף** דעם זאגט דער מדרש אז א נבילה וואס איז געשטארבן פון זיך אליינס, און בעצם וואלט מען דאס געמעגט עסן (עיין שבת קח.), אבער דער אויבערשטער האט באפוילן מען זאל עס נישט עסן, נאר געבן פאר די הינט, אלס שכר וואס זיי האבן נישט געבילט ווען כלל ישראל איז ארויס פון מצרים.

**קומט** אויס די נבילה איז חשוב מיט דעם וואס עס טוט שפייזן די הינט, וואס בעטן פון דער אויבערשטער פאר שפייז אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קמז, ט) **נוֹתֵן לִבְהֵמָה לַחְמָהּ לִבְנֵי עֹרֵב אֲשֶׁר יִקְרָאוּ**. אבער דער תלמיד חכם וואס בעט נישט דער אויבערשטער נאר ער פארלאזט זיך אויף זיין תורה און חכמה, איז ערגער פון די נבילה וואס טוט שפייזן די הינט וואס בעטן דער באשעפער.

**דאס** לערנט מען ארויס פון משה רבינו, אפילו ער איז געווען זייער גרויס און האט פארמאגט גרויסע זכותים, האט ער זיך נישט פארלאזט אויף דעם, נאר געווארט ביז דער אויבערשטער האט אים גערופן, פארקערט פון דער תלמיד חכם וואס טוט זיך יא פארלאזן אויף זיינע זכותים און דאווענט נישט צום באשעפער. (אות ב')


הוצאת הגליון
והפצתו לזכות



לעילוי נשמת
הרה"ח רבי
ישעיה אשר
ב"ר אריה
פרענקל ז"ל
שהיה רחים ומוקיר
רבנן אוהב תורה ולומדיה
נלב"ע י' ניסן תשע"ב ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י חתנו ובתו
הרה"ח רבי זלמן ליב
ומרת עטיל ברכה ווייס הי"ו
זכות רבינו יעמוד להם
להצלחה וכל טוב סלה

הצלחה וברכה
צבי יצחק דוב
בן גיטל חיה
וזוגתו מרים סאבל
בת אסתר
שיזכו לכל הברכות של המחבר
זי"ע בקרוב ובניקל

ברכה והצלחה
יהודה בן אלגרה
להצלחה בכל העניינים
עושר וכבוד והמשך מעשי
צדקה וחסד

הצלחה ועושר
אליאס
בן אסתרייה
לברכה והצלחה בכל עסקיו
בלי גבול ובלי מדה

לזכות ולברכה
להצלחת השותפים
התורמים
ומשפחותיהם
החפצים בעילום
שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה
בני בריכי חיי אריכי ומזוני
רויחי נחת מכל יוצ"ח
זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

הצלחה ועושר
דניאל אורי
בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה
עושר וכבוד ובשורות טובות
בקרוב ממש

הצלחה מרובה
שאול בן רחל
לשפע וברכה עושר
והצלחה גדולה בעסקיו
בלי דאגות ולחצים

עושר ואושר
ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
שיצליח בכל עסקיו
ויהיה ברכה ושפע רב בקרוב
ממש מתוך מנוחת הגוף והנפש
וימצא חן בעיני כולם

ישועה והצלה
ישעיה בן צלחה
שיתבטלו כל הבעיות המשפטיות
כעפרא דארעא
כפי שבטלו הראשונות



תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

**הרב מ. א. הי"ו פון בני ברק**, שרייבט אין א בריוו צום מערכת:

# ארויסעקראכן פון שווערע חובות

**אין** די פאלגנדע שורות וויל איך ארויסברענגען א שבח והודי' פארן אויבערשטער, וואס האט מיר געגעבן די זכי' צו נהנה זיין פון די שפרודלדיגן קוואל פון ישועות פונעם הייליגן זרע שמשון זי"ע.

**שוין** זיבן יאר וואס איך לערן און איך בין עוסק אין די תורות פונעם הייליגן זרע שמשון זי"ע, נאכדעם וואס איך האב געהאט אין שטוב פיר עלטערע מיידלעך וואס האבן געווארט אויף שידוכים, און נאכן זען די מורא'דיגע בקשה און הבטחה פונעם זרע שמשון, האב איך זיך אונטערגענומען צו לערנען דער ספר, אלס זכות פאר מיינע טעכטער. און ב"ה דורכאויס צוויי יאר זינט איך האב אנגעהויבן צו לערנען, האבן אלע מיינע טעכטער געטראפן שידוכים, און חתונה געהאט בשעה טובה ומוצלחת ב"ה.

**אבער** יעצט שרייב איך ענק מיינע ווערטער צו דאנקן דער אויבערשטער, און פארשפרייטן די יעצטיגע ישועה וואס כ'האב זוכה געווען בזכות דער הייליגער זרע שמשון. וואס האט פאסירט נאכדעם וואס מיין זון נ"י איז ארייגעפאלן אין שווערע חובות, און בדרך הטבע איז געווען זייער שווער ער זאל ארויסקריכן דערפון.

**מען** דארף נישט מסביר זיין ווי אזוי עס שפירט עמיצער וואס איז פארפלאנטערט מיט חובות, מען האט נישט קיין רואיגקייט נישט בייטאג און נישט ביינאכט. און איך אלס טאטע האב פראבירט וואס כ'האב געקענט אים ארויסצוהעלפן אין זיין מצב.

**מיין** זון האט פראבירט צו באקומען הילף פון פארשידענע וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס וואס העלפן ארויס אין אזא צושטאנד, אבער אלע האבן זייער שנעל אויפגעגעבן, נאכן פראבירן אן ערפאלג צו צופרידנשטעלן די בעלי חובות.

**נישט** זעענדיג קיין וועג ארויס, האב איך אים מייעץ געווען ער זאל נוצן די סגולה וואס האט מיר פערזענליך געהאלפן, און זיך קובע זיין צו לערנען דער מסוגל'דיגן ספר זרע שמשון, און דאווענען צום באשעפער אז בזכות דער הייליגער זרע שמשון, זאל מען טרעפן א וועג ארויסצוקריכן פון דעם פארפלאנטערטע מצב.

**ער** האט טאקע אנגעהויבן צו לערנען, און איך אליין האבן ווייטער געלערנט לזכותו, און געבעטן דער אויבערשטער זאל העלפן און ראטעווען מיין זון, טראץ וואס מען זעט נישט קיין וועג ארויס.

**און** בלויז א קורצע צייט נאכדעם וואס אונז האבן ביידע געלערנט, האט איך זיך באקענט מיט אן עסקן וואס האט באוויליגט צו נעמען די קעיס אויף זיין פלייצע, ער האט זיך אריינגעלייגט ראשו ורובו צו קענען מאכן סדר און סעטלען די חובות.

**נאכן** אויסשטעלן א סדר און סיסטעם ווי אזוי מ'גייט שטאפלווייז באצאלן די חובות, האט ער עס פארגעשלאגן פאר די בעלי חובות, טראץ וואס אויבנאויף האט נישט אויסגעזען זיי זאלן מסכים זיין דערצו, האט זיך עס ארויסגעשטעלט זייער סוקסעפול. עס הערט זיך ווי אומגלויבליך, אבער אלע האבן עס אנגענומען און צוגעשטימט דערצו, העכער אלע ערווארטונגען בס"ד.

**דערמיט** האב איך ווידעראמאל מיטגעהאלטן און געזען ווי דער גרויסער זכות און כח פונעם הייליגן זרע שמשון זי"ע, העלפט ארויס, און ווי די הבטחה איז ב"ה מקוים געווארן.

**צום** שלוס וויל איך בעטן מען זאל מפרסם זיין מיינע ווערטער, עס זאל ארויסקומען דערפון א קידוש ה', אז דער אויבערשטער איז מקיים די רייד פון זיינע צדיקים, און עס זאל געבן חיזוק פאר אלע וואס ווארטן צו געהאלפן ווערן מיט ישועות.

**און** איך וויל צולייגן, אז סיי ווער עס וויל האבן א באדייטנדע טייל אין א טובה טון פארן צדיק, זאל מנדב זיין די ספרים פונעם זרע שמשון אין בתי מדרשים, וואס דאס איז א געוואלדיגע זיכוי הרבים און הילף פאר מענטשן וואס ווילן לערנען די תורות און מאמרים פונעם צדיק, און דערביי האט מען חשוב'ע חלק אין מקיים זיין די צוואה פונעם צדיק, און אסאך זענען שוין בס"ד געהאלפן געווארן דורכדעם, זי"ע.

מיט גרויס דאנק, **מ. א. בני ברק**


ניי נאוועמבער

**קול זרע שמשון**

פאר אידיש דרוקט 2

ארץ ישראל **02-80-80-400**

ארה"ב **605-313-9610**

לונדון **333-070-6534**

• שיעורים • סיפורי ישועות • נייעס און אפדעיט'ס •

שמעו ותחי נפשכם

פאר טעגליכע דרשות און שיעורים:

לשוה"ק: **1-4** אידיש: **2-5**

ענגליש: **1-3** פאר אינהאלטסרייכע אינטערוויוס **1-1-5**


**לפרסום ישועתכם בזכות לימוד המסוגל הזרע שמשון לזיכוי הרבים:**

ניתן לשלוח את סיפור הישועה: למייל: zera277@gmail.com או להתקשר 05832-80300

או בהשארת הודעה בטל: 02-80-80-600 שלוחה 7


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילבערבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן ארץ ישראל: 05271-66-450 ארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

וזכות הצדיק ודברי תורותו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו